בס"ד

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

אויף אידיש

סוכות
תשפ"ז
גליון רי"ב
שנה ו'


## פון די ענני הכבוד זעט מען אז מען דארף נישט האבן די מנורה פאר איר לעכטיגקייט

**למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל... ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור...**

(ויקרא כג, מג-כד, ב)

מען קען מפרש זיין די סמיכות הפרשיות פארוואס די תורה האט געשריבן די מצוה פון סוכה נעבן די פרשה פון אנצינדן די מנורה אין בית המקדש, לויט ווי די גמרא זאגט (שבת כב:) אז פארוואס האט דער אויבערשטער געהייסן אנצינדן א מנורה אין משכן, וכי לאורה הוא צריך - דארף מען דען צוקומען צי איר לעכטיגקייט? מיר זעהען דאך אז די גאנצע פערציג יאר וואס די אידן זענען געגאנגען אין מדבר זענען זיי דאך געגאנגען צו זיין לעכטיגקייט?! נאר די מנורה קומט עדות זאגן אז די שכינה רוהט צווישן די אידן, ווייל דער נר מערבי איז אלעמאל געבליבן ברענען בדרך נס.

איז תוספות דארט מסביר (ד"ה וכי), אז במשך די פערציג יאר וואס די אידן זענען געווען אין מדבר האבן **די ענני הכבוד** באלויכטן פאר די אידן מיט א רוחניות'דיגע לעכטיגקייט אויף אזוי ווייט, אז ווען איינער האט געקוקט אויף א פארזיגלטע פאס, האט ער געקענט אריין זעהן וואס עס ליגט אינעווייניג, און פארדעם איז שווער, צו וואס האט אויסגעפעלט צו אנצונדן די ליכט אין משכן, עס איז דאך שוין געווען גענוג ליכטיג?.

דאס קומט די תורה זאגן מיט די סמיכות הפרשיות, אז דער אויבערשטער האט געהייסן זיצן אין א סוכה "**למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל**" כדי מען זאל שטענדיג געדענקען אז די אידן זענען געווען ארומגענומען אין מדבר מיט די ענני הכבוד, און פון דעם וועט מען שוין אליין פארשטיין אז באמת האט נישט אויסגעפעלט די מנורה כדי צו לעכטיג מאכן אין משכן ווייל די ענני הכבוד האבן דאך שוין באלויכטן אויף א זעלטענעם פארנעם, נאר די מנורה איז געקומען ווייזן אן עדות אז די שכינה רוהט צווישן די אידן.

**'מלא העומר' פרשת אמור כג, לד - ד"ה ובא הסמיכות**

## נאך וואס דער יצר הרע לאזט אפ דעם מענטש דאן קען זיך דער יצר טוב מתגבר זיין

**עיר קטנה ואנשים בה מעט ובא אליה מלך גדול וסבב אותה ובנה עליה מצודים גדולים. ומצא בה איש מסכן חכם ומלט הוא את העיר בחכמתו ואדם לא זכר את האיש המסכן ההוא.** (קהלת ט, יד-טו)

די גמרא זאגט (נדרים לב:) אז רמי בר אבא דרש'נט די גאנצע פסוק אויף די מלחמה פונעם יצר הרע מיט'ן מענטש: "**עיר קטנה**" - דאס איז דער מענטש, "**ואנשים בה מעט**" - דאס זענען זיינע אברים, "**ובא אליה מלך גדול וסבב אותה**" - דאס איז דער יצר הרע, "**ובנה עליה מצודים גדולים**" - דאס זענען די עבירות, "**ומצא בה איש מסכן חכם**" - דאס איז דער יצר טוב, "**ומלט הוא את העיר בחכמתו**" און ער ראטעוועט דעם מענטש מיט זיין קלוגשאפט, דורך תשובה און מעשים טובים, "**ואדם לא זכר את האיש המסכן ההוא**" און קיינער געדענקט נישט דעם יצר טוב, ווייל בשעת דער יצר הרע רעדט איבער צו זינדיגן געדענקט מען נישט דעם יצר טוב.

איז לכאורה שווער, ווייל אויב דער יצר טוב האט אזא געוואלדיגע כח אז אפילו נאך וואס דער יצר הרע האט שוין באלאגערט דעם מענטש מיט חטאים עוונות ופשעים קען ער צעווארפען די אלע מויערן און ראטעווען דעם מענטש מיט תשובה און מעשים טובים, וואלט ער אויך געדארפט האבן די כח זיך צו לכתחילה מתגבר זיין אז דער מענטש זאל נישט אריינפאלן אין די הענט פונעם יצר הרע, און פארוואס וועקט זיך זיין כח אויף נאר נאך וואס דער מענטש איז שוין נכשל געווארן, אזוי ווי מען זעט טאקע אז נאכן טון א עבירה באקומט מען הרהורי תשובה?

קען מען ענטפערן לויט וואס דער מדרש (בראשית רבה ט, י) זאגט אויפן פסוק "וירא אלקים את כל אשר עשה **והנה טוב מאד** זה מלאך המות, און לכאורה ווי קען זיין אז דער מלאך המות זאל אנגערופן ווערן "טוב מאד"? קען מען זאגן לויט ווי חז"ל זאגן (ב"ב טז.) אז נאך וואס דער יצר הרע איז מצליח צו מכשיל זיין א מענטש מיט אן עבירה, גייט ער ארויף אין הימל צו מקטרג זיין אויף דער מענטש אז מען דארף אים שוין אוועק נעמען פון די וועלט, און ווען ער באקומט רשות, קומט ער צוריק אראפ און נעמט צו די נשמה. און למעשה איז דאס א גרויסע חסד פונעם אויבערשטן, ווייל אזוי לאנג וואס דער יצר הרע געפינט זיך אינעם מענטש'נס הארץ לאזט ער אים נישט מהרהר זיין בתשובה, אבער אין די מינוט וואס דער יצר הרע גייט ארויף בלייבט דאך דער מענטש מיט'ן יצר טוב אליין און אזוי קען ער זיך מתגבר זיין און מהרהר זיין בתשובה אויף די עבירה וואס ער האט געטוהן.

און דאס איז די פשט "**והנה טוב מאד** זה מלאך המות" אז עס איז א געוואלדיגע טובה אז דער יצר הרע איז אויך דער מלאך המות וואס דארף גיין בעטן רשות צו צונעמען די נשמה, ווייל אין די צייט האט דער יצר טוב א געלעגנהייט זיך צו שטארקן אויפן מענטש אז ער זאל חוזר זיין בתשובה.

און מיט דעם קען מען פארענטפערן די קשיא פארוואס קען נישט יצר טוב ראטעווען דעם מענטש פונעם יצר הרע אז ער זאל לכתחילה נישט זינדיגן, ווייל בשעת ווען דער יצר הרע ארבעט ארום אינעם מענטש איז באמת זייער שווער זיך צו מתגבר זיין אויף אים, און נאר נאך וואס ער ענדיגט מיט דעם מענטש און ער לויפט ארויף צו מקטרג זיין, קען דער


זכות פרנס החודש נתנדב ע"י הרבני הנכבד
הר"ר **יואל מאסרי** הי"ו
לרגל נישואי בתו תחי' למז"ט
זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות בית נאמן בישראל

יצר טוב אויסנוצן די געלעגנהייט צו ראטעווען דעם מענטש און צו אריינברענגען אין אים הרהורי תשובה.

**'קומץ המנחה' פרשת כי תצא דרוש לא אות ד-ה**

## א טעם פארוואס דער אתרוג זאל זיין אסור אין שמיני עצרת

### אתרוג בשמיני עצרת...

די גמרא (סוכה מו:) ברענגט אז רבי יוחנן האלט אז דעם זיבעטן טאג סוכות איז דער אתרוג אסור בהנאה, אבער ביום שמיני עצרת איז עס שוין מותר. און די גמרא איז מסביר, אז מען קען נישט פרעגן פון דאס וואס מען זעהט ביי די עצי הסוכה אז זיי בלייבן אסור בהנאה אפילו אין שמיני עצרת, ווייל ביי סוכה אויב עס מאכט זיך א סעודה די זיבעטע טאג בין השמשות דארף מען דאך נאך נוצן די סוכה, קומט אויס אז בין השמשות איז עס נאך מוקצה למצותו, און וויבאלד עס איז מוקצה בין השמשות בלייבט עס אסור די גאנצע קומענדיגע גאנצע טאג, משא"כ די אתרוג וואס איינמאל מען האט שוין יוצא געווען די מצוה דארף מען עס שוין מער נישט, איז עס נישט אסור בין השמשות, און פארדעם בלייבט עס נישט אסור שמיני עצרת.

ברענגט די גמרא ווייטער, אז אבוה דשמואל האלט יא אז דער אתרוג איז אסור אפילו אין שמיני עצרת. און לכאורה דארף מען פארשטיין, פאר וועלכע סיבה זאל עס נאך זיין מוקצה שמיני עצרת, מען ניצט עס דאך שוין נישט בין השמשות? (עיי"ש ברש"י ותו' מה שכתבו לבאר).

קען מען זאגן אז דער טעם פון אבוה דשמואל איז לויט ווי די גמרא זאגט (פסחים מו:) אז איינער וואס באקט מיום טוב לחול האלט רבה אז ער באקומט נישט קיין מלקות ווייל הואיל אויב עס וואלטן געקומען יעצט געסט, וואלט עס געווען ראוי צו עסן אין יו"ט, במילא הייסט דאס לצורך יו"ט. קען מען די זעלבע אויך זאגן לגבי אתרוג, אז אפילו ער האט שוין טאקע יוצא געווען, אבער היות אז ניחא ליה לאינש למיעבד מצוה בממוניה, און אויב עס וואלט ווען יעצט געקומען געסט וואס האבן נאכנישט יוצא געווען וואלט ער זיי גערן געגעבן זיין אתרוג צו יוצא זיין די מצוה, ממילא הייסט עס נאך ראוי צו נוצן בין השמשות און וועגן דעם בלייבט עס אסור שמיני עצרת.

אבער למעשה איז שווער, ווייל תוספות דארט אין פסחים (ד"ה רבה אמר) פרעגט פון די גמרא אין שבת (צה.) אז איינער וואס נעמט אראפ האניג פון א בינען שטאק אין יו"ט איז ער חייב מלקות, אז לכאורה וואלט מען דארט אויך געקענט זאגן די סברא פון הואיל און נישט באקומען קיין מלקות? ענטפערט תוספות, אז עס רעדט זיך סמוך לשקיעת החמה וואס אפילו אויב עס קומען געסט איז דאס שוין נישט ראוי צו עסן אין יו"ט. איז לויט דעם דארף מען פארשטיין וואס איז אנדערש ביי א אתרוג אז דארט זאגט מען נישט די סברא אז בין השמשות איז עס שוין נישט ראוי, ווייל אין אזא קורצע צייט קען מען שוין נישט מקיים זיין די מצוה?

קען מען זאגן, אז אבוה דשמואל האט געהאלטן אז בין השמשות איז א שיעור פון א דריי פערטל מיל (עי' שבת לד:), און ממילא איז יא דא גענוג צייט במשך בין השמשות אז א גאסט זאל דאס קענען נוצן, ממילא איז דאס אסור בין השמשות, און וועגן דעם בלייבט דאס אסור אויף גאנץ שמיני עצרת (ועי' בדברי רבינו מש"כ ליישב בדעת המחבר).

**'פני אריה' סוכה דף מו:**

## דורך אחדות קען יעדער איד מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות

### תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב. (לג, ד)

עס איז באוואוסט די קשיא וואס די מפרשים פרעגן, אז א גרויסע טייל פון די תרי"ג מצוות איז דאך נישט געמאכט געווארן פאר אלע אידן, ווייל עס זענען דאך דא מצוות ספעציעל פאר כהנים און לווים אא"וו, און וויאזוי איז מעגליך אז יעדער איד זאל מקיים זיין די גאנצע תורה?

איז דא איינע פון די תירוצים, אז מיט'ן כח האחדות פון כלל ישראל ווערט יעדע מצוה פון יעדן איד גערעכנט כאילו אז אלע אידן האבן דאס מקיים געווען, ווייל אז מען איז באחדות ווערן אלע אידן גערעכנט ווי איין קומה שלימה.

קען מען דאס מפרש זיין דא אין פסוק: "**תורה צוה לנו משה**" ווי די גמרא זאגט (סוף מכות) אז תורה איז בגימטרי' 611 און צוזאמען מיט "אנכי" און "לא יהיה לך" איז דאס תרי"ג, אז משה רבינו האט געגעבן תרי"ג מצוות **פאר יעדן איינעם פון אונז**, זאגט דֶער פסוק וויאזוי קען דאס יעדער יחיד מקיים זיין? ווייל "**מורשה**" מיר האבן א ירושה פון יעקב אבינו'ס קינדער, אז "**קהלת יעקב**", אז מען האלט זיך צוזאמען און באחדות, אזוי ווי דער פסוק זאגט ביי זיי (שמות א, ה) "ויהי כל נפש יוצאי ירך יעקב שבעים נפש" און עס שטייט **נפש** בלשון יחיד ווייל זיי זענען אלע געווען ווי איין נפש, איז אזוי קען יעדער איינציגער איד מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות.

**'מלא העומר' פרשת נצבים ד"ה ובזו יובן הכתוב**

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

**הגליון נתנדב ע"י**

הרבני הנכבד
הר"ר **יואל מויזקאפף** הי"ו
לרגל אירוסי בתו תחי' למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה
לבנות בית נאמן בישראל

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**

gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868